**גליון 260**

**תולדות תשפ"ו**




**לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה**
**בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות**
**שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א**

# קֶענְסְט זַיין ווִי מִיר?

**רֶעדְן זִיךְ אַזוֹי דִי צְוֵויי אִינְגֶעלֶעךְ - דֶער חָכָם אוּן דֶער תַּם - צְווִישְׁן זִיךְ, וֶוען אִינְמִיטְן זָאגְט דֶער תַּם פַאר'ן חָכָם: "הַלְוַואי וֶועסְטוּ נָאךְ אֵיין טָאג זַיין אוֹיף מַיין מַדְרֵיגָה". עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער חָכָם אָן קֵיין בּוּשָׁה, "אוֹיף צוּ אָנְקוּמֶען צוּ דַיין מַדְרֵיגָה, דַארְף מֶען אָדֶער אַוֶועקְנֶעמֶען מַיין שֵׂכֶל, אָדֶער אַז אִיךְ זָאל וֶוערְן קְרַאנְק אָדֶער מְשׁוּגָע. אָבֶּער אַז דוּ זָאלְסְט אָנְקוּמֶען אוֹיף מַיין מַדְרֵיגָה, דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט מֶעגְלִיךְ".**

דָאס יָאר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעלָאפְן, אוּן דִי צְוֵויי חֲבֵרִים שָׁאוּל אוּן יַעֲנְקִי לֶערְנֶען שׁוֹין אִין כִּתָּה ז'. דִי חֲבֵרִים אִין כִּתָּה הָאבְּן לִיבּ צוּ זַיין מִיט שָׁאוּל וָואס הָאט אֵייבִּיג וָואס צוּ זָאגְן אוּן דֶערְצֵיילְן, אוּן עֶר קֶען רִיכְטִיג שְׁמֵייכְלֶען פַאר יֶעדֶן אִינְגְל לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה פוּן חֲשִׁיבוּת אִין כִּתָּה... עֶס גִיסְט זִיךְ פוּן אִים חָכְמָה, אוּן עֶר לָאזְט אַלֶעמֶען הֶערְן זַיין גְּאוֹנוּת. וֶוען מֶען זוּכְט אֵיינֶער וָואס זָאל דַרְשְׁ'נֶען בַּיים סְעוּדַת סִיּוּם, שְׁטֶעלְט זִיךְ שָׁאוּל אוֹיף אָן קֵיין מוֹרָא, אוּן פֶּערְל רֵייד גִיסְן זִיךְ פוּן זַיין מוֹיל.

וֶוען אַ קִינְד הָאט אִים גֶערָאטְן אַז מֶען זָאל שְׁפִּילְן 'כַאפּ דִי פָאן', הָאט עֶר אִים טִיפְזִינִיג עֶרְקְלֶערְט פַארְוָואס דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין גֶעלוּנְגֶענֶע שְׁפִּיל, נָאר עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ צוּ זוּכְן פַּאסִיגֶערֶע שְׁפִּילְן... קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוֹיף צוּ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת בִּשְׁעַת חֲזָרָה אוֹיף דִי סוּגְיָא וָואס מֶען לֶערְנְט, אוּן אֵייבִּיג אִיז אִים אַלֶעס גֶעוֶוען קְלָאר אוּן לִיכְטִיג, אַרַיינְגֶעפְלָאכְטְן מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע סְבָרוֹת וָואס עֶר הָאט אַלֵיינְס פַארְשְׁטַאנֶען.

אָוְונְט צַייט, הָאט יַעֲנְקִי גֶעטְרָאפְן זַיין בַּאלִיבְּטֶע חַבֵר שָׁאוּל אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים. אַ פְרֵייד הָאט זִיךְ דֶערְקֶענְט אוֹיף זֵייעֶר גֶעזִיכְט, אוּן אִינְאֵיינֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁפַּאנְט צוּם גֶעגְנְט וואוּ זֵיי ווּאוֹינֶען.

שָׁאוּל הָאט גֶעגֶעבְּן אַ טִיפְן זִיפְץ, "אוֹי, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ! אִיךְ בִּין מִיד אוּן פַארְמַאטֶערְט...."

"וָואס הָאט פַּאסִירְט מַיין טַייעֶרֶע חַבֵר שָׁאוּל, נֶעכְטְן בִּיסְטוּ גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט? הָאסְט גֶעהַאט עֶפֶּעס אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה?"

"נֵיין, אִיךְ בִּין נִישְׁט מִיד צוּלִיבּ מַאנְגְל אִין שְׁלָאף. נוּ, גוּט, דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט. אוֹיךְ אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דִיר עֶרְקְלֶערְן, וֶועסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין. דוּ הָאסְט אַ קְלֵיינֶע שֵׂכֶל, בִּיסְט אַ תָּמִים... נוּ, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ פַאר גָארְנִישְׁט. דִי בְּחִינוֹת זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹיוִוי אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט, דִי חֲבֵרִים זֶענֶען נִישְׁט פּוּנְקְט.... אוֹיךְ אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ בְּרָכוֹת, נָאר אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפֶּעטִיגְט אוּן אָנְגֶעקוּמֶען אִינְמִיטְן קָרְבָּנוֹת, בְּקִיצוּר – וָואס אִיז דָא דִיר צוּ עֶרְקְלֶערְן? וֶועסְט מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין...."

"שָׁאוּל, דוּ זָאגְסְט אַז דוּ בִּיסְט קְלוּגֶער פוּן מִיר, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין חָכְמָה, וַוייל אִיךְ בִּין אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִינְגְל. לָאמִיר זָאגְן אַז דוּ וָואלְסְט גֶעוֶוען קְלוּגֶער פוּן שְׁרָגָא, וָואלְט עֶס שׁוֹין טַאקֶע גֶעוֶוען עֶפֶּעס אַ דֶערְגְרֵייכוּנְג, וַוייל עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ קִינְד אַ חָכָם אוּן אַ לַמְדָן. אָבֶּער סְתַּם אַזוֹי, טוּט מִיר וֵויי פַארְוָואס דוּ בִּיסְט פַארְוֵוייטָאגְט אוּן דוּ לַיידְסְט דִי גַאנְצֶע טָאג. דוּ הָאסְט דָאךְ אַזוֹיפִיל הַצְלָחוֹת – גֶעלוּנְגֶענֶע בְּחִינוֹת, גֶעשְׁמַאקֶע חֲבֵרִים, טֶעגְלִיכֶע צִילְן, ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת – פַארְוָואס זֶע אִיךְ דִיר דִי גַאנְצֶע טָאג מִיט אַ טְרוֹיעֶרִיג, פַארְ'דַאֲגָה'ט, צוּטְרָאגְן, פַארְטוּן, אָנְגֶעלֵייגְט, אוּן וֵוייטָאגְלִיךְ גֶעזִיכְט?..."

"אוּן בֶּאֱמֶת שָׁאוּל, בֶּאֱמֶת, הַלְוַואי זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אָנְקוּמֶען צוּ מַיין מַדְרֵיגָה. הַלְוַואי זָאלְסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין, הַלְוַואי זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין תְּמִימוּת'דִיג אוּן פָּשׁוּט אַזוֹיוִוי מִיר".

שָׁאוּל הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעלַאכְט מִיט אַ צִינִישֶׁע שְׁמֵייכְל אוֹיף יַעֲנְקִי'ס רֵייד, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשֵׁיידְט מִיט אַן 'אַ גוּטֶע נַאכְט' ווּאוּנְטְשׁ יֶעדֶער צוּ זִיךְ אַהֵיים.

אָבֶּער מִיר וֵוייסְן שׁוֹין וֶוער עֶס קֶען אָנְקוּמֶען אוֹיף וֶועמֶענְ'ס מַדְרֵיגָה אוּן וֶוער נִישְׁט...



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ט' - פוּן דֶער חָכָם מִיטְן תָּם (4)

**אוּן דֶער תָּם** פְלֶעגְט אַלֶע מָאל לוֹיפְן אוּן פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם חָכָם **מִיט שִׂמְחָה מִיט פְרֵייד.** אוּן עֶר הָאט אִים אַלְץ גִיפוּנֶען אִין צַעַר אוּן פוּל מִיט יְסוּרִים. אוּן עֶר הָאט אִים גִיפְרֶעגְט אַזוֹי אַ חָכָם אוּן אַזוֹי אֵיין עוֹשֶׁר וִוי דוּ בִּיסְט וָואס הָאסְטוּ אַלְץ יְסוּרִים תָּמִיד. **פַאר וָואס בִּין אִיךְ תָּמִיד פְרֵיילִיךְ.**

**אִיז דָאס בַּאם חָכָם** גִיוֶוען אַ גִישְׁפֶּעט. אוּן עֶר הָאט בַּיי אִים אַ פָּנִים גִיהַאט פַאר מְשׁוּגָע. הָאט דֶער תָּם צוּ אִים גִיזָאגְט: אֲפִילוּ גְלַאטֶע מֶענְשְׁן אַז זֵיי שְׁפֶּעטְן אוֹיס מִיר זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ נַעֲרָנִים. וָוארִין אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין קְלִיגֶער פוּן מִיר זֶענֶען זֵיי זִיךְ עֶרְשְׁט נַעֲרָנִים. מִכָּל שֶׁכֵּן אַזוֹי אַ חָכָם וִוי דוּ בִּיסְט. וָואס אִיז אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין קְלוּגֶער פוּן מִיר.

**הָאט זִיךְ דֶער תָּם** אָנְגִירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם חָכָם וִוי גִיט דֶער אֵייבִּרְשְׁטֶער אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף מַיין שְׁטַייגֶער (כְּלוֹמַר דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אַ תָּם וֶוערִין)

**הָאט דֶער חָכָם** גִיעֶנְפֶּערְט. דָאס קָאן גִימָאלְט זַיין אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען אוֹיף דַיין שְׁטַייגֶער. **אַז גָאט זָאל בַּיי מִיר דֶעם שֵׂכֶל אַוֶועק נֶעמֶען חַס וְשָׁלוֹם,** אוֹדֶער אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם קְרַאנְק וֶוערִין. קָאן זַיין אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ וֶוערִין מְשׁוּגָע. וָוארִין וָואס בִּיסְטוּ דֶען נָאר מְשׁוּגָע. **נָאר אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף מַיין שְׁטַייגֶער. דָאס אִיז נִיט גִימָאלְט בְּשׁוּם אוֹפָן.** אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אַזוֹי אַ חָכָם וִוי אִיךְ.

**הָאט דֶער תָּם גִיעֶנְפֶּערְט.**

**בַּיי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז אַלְץ מֶעגְלִיךְ קָאן זַיין כְּהֶרֶף עַיִן**

(אַזוֹי וִוי אֵיין אוֹיגֶען בְּלִיק)

**אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען אוֹיף דַיין חָכְמָה.**

**הָאט דֶער חָכָם אוֹיס אִים זֵייעֶר גִילַאכְט.**

**אוּן דִי צְוֵויי קִינְדֶער.** פְלֶעגְט דִי וֶועלְט רוּפְן חָכָם אוּן תָּם. דֶעם הָאבִּין זֵיי גִירוּפְן **חָכָם,** אוּן דֶעם הָאבִּין זֵיי גִירוּפְן **תָּם.** כָאטְשֶׁע סֶע אִיז פַאר הַאנְדְן אַסַאךְ חֲכָמִים אוּן תְּמִים אוֹיף דֶער וֶועלְט. דָא הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער זֵייעֶר אָן גִיזֶעהְן, וָוארִין זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע גִיוֶוען פוּן אֵיין שְׁטָאט. אוּן הָאבִּין אִין אֵיין חֵדֶר גִילֶערִינְט אוּן דֶער אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ ווִילְדֶער חָכָם. **אוּן דֶער אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער תָּם** (אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען זֵיי דִי צוּ נֶעמֶען גִיגִיבְּן דֶעם חָכָם אוּן דֶעם תָּם)

**אוּן** אִין דֶער סְקַאסְקֶע פַאר שְׁרַייבְּט מֶען זִיךְ אִיטְלִיכְן מִיט אַלֶע נֶעמֶען פוּן זַיין פַאמֶעלְיָא. הָאט מֶען אָנְגִישְׁרִיבְּן אוֹיף דֶעם. דֶעם צוּ נָאמֶען. **חָכָם.** אוּן אוֹיף דֶעם. **תָּם.**

**אַמָאל אִיז דֶער מֶלֶךְ** גִיקוּמֶען אִיבֶּער דֶער סְקַאסְקֶע. הָאט עֶר גִיפוּנֶען דִי צְוֵויי. וִוי זֵיי זֶענֶען פַארְשְׁרִיבְּן דֶער מִיט דֶעם צוּ נָאמֶען **חָכָם.** אוּן דֶער מִיט דֶעם צוּ נָאמֶען **תָּם.** אִיז דָאס בַּאם מֶלֶךְ גִיוֶוען אַ וואוּנְדֶער. וָואס דִי צְוֵוי הָאבִּין אַזוֹנֶע צוּ נֶעמֶען **חָכָם** אוּן **תָּם.** הָאט דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר גִיוָואלְט זֵיי זֶעהְן.

**הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ** מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אַז אִיךְ וֶועל פְלוּצִים שִׁיקְן נָאךְ זֵיי. אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען פַאר מִיר. וֶועלִין זֵיי זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּער שְׁרֶעקְן. אוּן דֶער **חָכָם** וֶועט גָאר נִיט ווִיסְן. וָואס צוּ עֶנְפֶערִין. אוּן דֶער **תָּם** וֶועט אֶפְשָׁר מְשׁוּגָע וֶוערִין מַחְמַת פַּחַד.

**הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב** גִיוֶוען דֶער מֶלֶךְ אַז עֶר זָאל שִׁיקְן אַ **חָכָם** צוּם **חָכָם.** אוּן אַ **תָּם** צוּם **תָּם.** נָאר וִוי קְרִיגְט מֶען אִין אֵיין עִיר מְלוּכָה אַ **תָּם.** וָוארִין אִין אֵיין עִיר מְלוּכָה (דְהַיְינוּ דִי שְׁטָאט וָואס דֶער מֶלֶךְ זִיצְט) זֶענֶען דָאס רוֹב חֲכָמִים.

**נָאר דֶער וָואס עֶר אִיז אַ מְמוּנֶה אִיבֶּער דִי אוֹצָרוֹת** עֶר אִיז דַוְוקָא אַ **תָּם**. וָוארִין אַ חָכָם וִויל מֶען נִיט מַאכִין פַאר קֵיין מְמוּנֶה אִיבֶּער דִי אוֹצְרוֹת. וָוארִין טָאמֶער דוֹרְךְ זַיין חָכְמָה מִיט זַיין שֵׂכֶל. וֶועט עֶר אוֹיס בְּרֶענְגֶען דִי אוֹצָרוֹת. אִיבֶּער דֶעם מַאכְט מֶען **אַ מְמוּנֶה אִיבֶּער דִי אוֹצָרוֹת אַ תָּם דַוְוקָא.**

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** גִירוּפִין אַ **חָכָם** אוּן דֶעם **תָּם** (וָואס עֶר אִיז אַ מְמוּנֶה אִיבֶּער דִי אוֹצְרוֹת) אוּן עֶר הָאט זֵיי גִישִׁיקְט צוּ דִי צְוֵויי (דְהַיְינוּ צוּם חָכָם אוּן צוּם תָּם) אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין בְּרִיו צוּ אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער. אוּן עֶר הָאט זֵיי נָאךְ בְּרִיוו גִיגֶעבִּין צוּם גַאבִּירְנִיר פוּן דֶער גַאבֶּערְנְיָא וָואס דִי צְוֵויי דְהַיינוּ דֶער **חָכָם** מִיט דֶעם **תָּם** זֶענֶען אוּנְטֶער אִים. **אוּן דֶער מֶלֶךְ** הָאט גִיהֵייסִין אִין דֶעם בְּרִיוו אַז דֶער גַאבִּירְנִיר זָאל זֵיי שִׁיקְן בְּרִיוו פוּן זַיינֶעט וֶועגִין צוּם **חָכָם** אוּן צוּם **תָּם** כְּדֵי אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ נִיט שְׁרֶעקְן. אוּן עֶר זָאל זֵיי שְׁרַייבְּן. אַז דִי זַאךְ אִיז נִיט נֵייטִיק. אוּן דֶער מֶלֶךְ אִיז נִיט גוֹזֵר דַוְוקָא אַז זֵיי זָאלִין קוּמֶען. נָאר סֶע אִיז בַּיי זֵיי דִי בְּרֵירָה. אַז זֵיי ווִילִין זָאלִין זֵיי קוּמֶען. **נָאר דֶער מֶלֶךְ וִויל זֵיי זֶעהְן.**

**זֶענֶען גִיפָארִין** דִי שְׁלוּחִים דֶער **חָכָם** מִיט דֶעם **תָּם**. אוּן זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּם גַאבִּירְנִיד. אוּן הָאבִּין אִים אָפּ גִיגֶעבְּן דִי בְּרִיוו. **הָאט דֶער גַאבִּירְנִיר** נָאךְ גִיפְרֶעגְט אוֹיף דִי צְוֵויי קִינְדֶער הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט. אַז דֶער **חָכָם** אִיז **אַ ווִילְדֶער חָכָם** אוּן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר. אוּן דֶער **תָּם** אִיז זַייעֶר **אַ גְרוֹיסֶער תָּם**. אוּן עֶר הָאט אַלִירְלֵיי מַלְבּוּשִׁים פוּן דֶעם פֶּעלְץ כַּנַ"ל.

**הָאט** זִיךְ דֶער גַאבִּירְנִיר מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. סֶע אִיז בְּוַודְאַי נִט שֵׁיין אַז מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען פַאר דֶעם מֶלֶךְ אִין אַ פֶּעלְץ. הָאט עֶר אִים גִימַאכְט קְלֵיידֶער אַזוֹי וִוי סֶע קֶער צוּ זַיין. אוּן הָאט אַרַיין גִילֵייגְט אִין דֶער קַארִיטֶע פוּן דֶער **תָּם**. אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין בְּרִיוו כַּנַ"ל. **זֶענֶען דִי שְׁלוּחִים גִיפָארִין**. אוּן זֵיי זֶענֶען צוּ זֵיי גִיקוּמֶען. אוּן הָאבְּן זֵיי אָפּ גִיגֶעבְּן דִי בְּרִיוו. דֶער **חָכָם** הָאט אָפּ גִיגֶעבְּן צוּם **חָכָם**. אוּן דֶער **תַּם** צוּם **תַּם**.

**אוּן דֶער תַּם**. תֵּיכֶף וִוי מֶען הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין דֶעם בְּרִיוו. **הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפְן** צוּ דֶעם שְׁלִיח (וָואס עֶר אִיז אוֹיךְ גִיוֶוען אַ תַּם. כַּנַ"ל) וָואס עֶר הָאט אִים גִיבְּרַאכְט דֶעם בְּרִיוו. אִיךְ ווֵייס זִיךְ נִיט וָואס אִין דֶעם בְּרִיוו שְׁטֵייט. לֵיין אִים פַאר מִיר. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין אוֹיסִין ווֵיינִיק וָואס אִין אִים שְׁטֵייט. דֶער מֶלֶךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט צוּ אִים קוּמֶען **הָאט** עֶר תֵּיכֶף גִיפְרֶעגְט. **נָאר אָן לֵיצָנוּת**. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. סֶע אִיז **אַ וַודְאַי אֶמֶת** אָן לִיצָנוּת אִיז עֶר תֵּיכֶף **מָלֵא שִׂמְחָה גִיוָוארִין** אוּן **אִיז גִילָאפִין** אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם וַוייבּ. מַיין וַוייבּ דֶער מֶלֶךְ הָאט נָאךְ מִיר גִישִׁיקְט.

**הָאט זִי אִים גִיפְרֶעגְט**. וָואס אִיז דָאס. נָאךְ וָואס הָאט עֶר נָאךְ דִיר גִישִׁיקְט. הָאט עֶר גָאר קֵיין צַייט נִיט גִיהַאט עֶר זָאל אִיר עֶפֶּעס עֶנְפֶערִין. אוּן הָאט זִיךְ תֵּיכֶף **מְזָרֵז גִיוֶוען מִיט שִׂמְחָה אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאט זִיךְ אַרַיין גִיזֶעצְט אִין דֶער קַארִיטֶע עֶר זָאל פָארִין מִיט דֶעם שְׁלִיחַ. **דֶערְוַוייל** הָאט עֶר דָארְט דֶערְזֶעהְן דִי קְלֵיידֶער (וָואס דֶער גַבִּירְנִיר הָאט גִימַאכְט פוּן זַיינֶעט וֶועגִין אוּן הָאט אַרַיין גִילֵייגְט אִין זַיין קַארִיטֶע כַּנַ"ל) הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ מֶער גִיפְרֵייט. עֶר הָאט שׁוֹין קְלֵיידֶער אוֹיךְ. **אוּן אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען.**



נאמען: ______________

# לאמיר זיין פארהערן



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (4)

**א. וואס האט דער תם געענטפערט פארן חכם, ווען ער האט אים געזאגט: "דו קענסט בשום אופן נישט ווערן אזוי א חכם ווי מיר"?**
- ☐ ביי השם יתברך איז אלעס מעגליך.
- ☐ ער האט מודה געווען צו אים.
- ☐ אים בכלל נישט געענטפערט.

**ב. וואס איז געווען א וואונדער ביים מלך?**
- ☐ אז עס איז דא אסאך מענטשן אין זיין מדינה.
- ☐ אז די צוויי מענטשן האבן אזעלכע נעמען "חכם און תם".
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ג. ווענען האט דער מלך געשיקט צו רופן דער תם?**
- ☐ א תם.
- ☐ דער ממונה איבער די אוצרות.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ד. דער מלך האט באפוילן אז דער חכם און תם זאלן קומען צו אים אדער נישט?**
- ☐ דער מלך האט שטרענג באפוילן זיי זאלן קומען.
- ☐ דער זאך ווענדעט זיך לויט זייער ווילן.
- ☐ פארן חכם האט ער שטרענג באפוילן צו קומען צו אים, און פארן תם נאר אויב ער וויל.

**ה. וואס האט מען געזאגט פארן גאבירניר אויפן חכם?**
- ☐ אז ער איז א ווילדער חכם און א גרויסער עושר.
- ☐ אז ער איז א ווילדער חכם און א גרויסער דאקטער.
- ☐ אז ער איז א גרויסער תלמיד חכם

**ו. וואס האט דער תם געזאגט ווען דער שליח פון קעניג איז געקומען?**
- ☐ ער האט געזאגט צו זיין ווייב "דער מלך האט נאך מיר געשיקט".
- ☐ געפרעגט נאר אן ליצנות.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז. וואס לערנסטו זיך דערוויל פון די מעשה?**
- ☐ אז ווען דער מלך רופט קומט מען גלייך.
- ☐ ווען דער מלך רופט קומט מען נאר מיט ישוב הדעת.
- ☐ ______________________.

**ח.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ איינמאל
- ☐ צווימאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

### וויפל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה "תם"?

ווער פלעגט לויפן? ווער האט זיך מיישב געווען? ווער איז געפארן?

ווער האט אויס געלאכט? ווער איז זייער פריילאך געווען?

### תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם (3)

### וויפל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה אז דער חכם האט געהאט יסורים? 10

**דעם רבינ'ס מעשיות**

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָואוֹרְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com